**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 127 מיליאן דאלאר פאר פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס פאר נייע טעכנאלאגיע און עקוויפמענט צו פארמיידן און לייזן פארברעכנס, פארשטערקערן פובליק זיכערהייט

***נאכפאלגנדיג איינלאדענונג פאר אפליקאציעס ארויסגעגבן לעצטע הערבסט, פינאנצירט גאווערנער האקול אפליקאציעס געמאכט דורך 378 געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אינדרויסן פון ניו יארק סיטי צו לייזן און פארמיידן פארברעכן מער ווירקזאמערהייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 127 מיליאן דאלאר פאר פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי פאר נייע טעכנאלאגיע און עקוויפמענט צו פארמיידן און לייזן פארברעכנס און צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט. די גאווערנער האט פארזיכערט נאך פינאנצירונג אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו פינאנצירן אפליקאציעס אריינגעגעבן דורך 378 געזעץ אינפארסירונג אגענטורן וואס האבן זיך אפגעענטפערט צו די [סטעיט'ס איינלאדענונג צו אריינגעבן אפליקאציעס פאר פינאנצירונג לעצטע הערבסט].

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און מיר זעצפן פאר צו מאכן רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין געזעץ אינפארסירונג כדי זיי זאלן האבן די מיטלען וואס זיי דארפן צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אינוועסטירן אין די לעצטע טעכנאלאגיע און עקוויפמענט, טוהען מיר זיך אפרופן צו די פארלאנגען פון געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אזוי ווי זיי זוכן צו היטן אויף די צוקונפט פון אונזער סטעיט."

פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס וועלן נוצן די געלטער צו איינקויפן נייע טעכנאלאגיע און עקוויפמענט צו מאדערניזירן זייערע אפעראציעס און זיין מער ווירקזאם ביי לייזן און פארמיידן פארברעכן. די גרענטס וועלן שטיצן פארשידענע סארטן עקוויפמענט און טעכנאלאגיע, אריינרעכענענדיג צווישן אנדערע מאשינען וואס לייענען לייסענס פלעיטס, רוקעוודיגע און קביעות'דיגע קאמערא סיסטעמען, קאמפיוטער-באגלייטע דיספעטש סיסטעמען, סאפטוועיר, פילאטלאזע פלוגצייג, מאשינען וואס כאפן אויף די שוס פון א וואפן און קלוגע עקוויפמענט פאר פאטראל קארן און פאליציי אפיצירן.

די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services, DCJS) [האט איינגעמאלדן אלע אגענטורן איבער זייערע גרענטס פריער היינט], און זיי וועלן שיקן גרענט בריוון דעם חודש צו פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס וועלכע האבן אפלייט פאר די פינאנצירונג סוף 2023. מער פון האלב פון די סך הכל פון די פינאנצירונג וועט גענוצט ווערן צו צאלן פאר לייסענס פלעיט לייענער מאשינען (22 פראצענט), עקוויפמענט וואס ווערט געטראגן אויף די קערפער און אויף פאטראל קארן (20 פראצענט) און אויף פובליק זיכערהייט קאמערא סיסטעמען (17 פראצענט).

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוסאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "ווען פאליציי אגענטורן און קאמיוניטי ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק האבן געלאזט הערן זייער שטימע איבער זייערע באדערפענישן, האט גאווערנער האקול זיך איינגעהערט. מיר באדאנקען די גאווערנער פארן ארבעטן צו זיכער מאכן אז די היי-יאריגע בודזשעט קומט נאך די באדערפענישן, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן און שותפים אין די קאמיוניטיס צו ווייטער פארשטערקערן די באציאונגען און צו שטיצן איפגעווייזענע שיטות וואס האלטן ניו יארקער זיכער און ערלויבן קאמיוניטיס צו בליהען."

די [דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025](https://www.governor.ny.gov/) האלט ווייטער אן די רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין פובליק זיכערהייט און קרימינאלע יוסטיץ פינאנצירונג צו שטיצן גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע און פילפאכיגע צוגאנג צו אדרעסירן גאן פארברעכן, און עס רעכנט אריין [נאך פינאנצירונג זיך אפצוגעבן מיט ציהלן ריטעיל געשעפט גניבות](https://www.governor.ny.gov/), באקעמפן אביוז אין די משפחה מער ווירקזאמערהייט און [פארזיכערן פינאנצירונג פאר קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען וואס באדינען קורבנות און איבערלעבער פון פארברעכן](https://www.governor.ny.gov/).

די [דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס](https://www.criminaljustice.ny.gov/) שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר אלע טיילן פון די סטעיט'ס קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם, אריינרעכנענדיג – צווישן אנדערע – טרענירן געזעץ אינפארסירונג און אנדערע קרימינאלע יוסטיץ פראפעסיאנאלן; אויפזעהען אויף א געזעץ אינפארסירונג אקרעדיטעישען פראגראם; פארזיכערן אז אלקאהאל אטעמען טעסטס און שנעלקייט אינפארסירונג עקוויפמענט ווערן ריכטיג גענוצט; פארוואלטן אויף קרימינאלע יוסטיץ גרענט פינאנצירונג; אנאליזירן פארברעכן און פראגראמען ציפערן איבערן סטעיט; צושטעלן פארשונג שטיצע; אויפזעהן אויף קאונטי פראָובעישען דעפארטמענטס און אלטערנאטיוון צו טורמע פראגראמען; און קאארדינירן יונגווארג יוסטיץ פאליסי. פאַלאָוט די DCJS אויף [Facebook](https://www.facebook.com/), [Instagram](https://www.instagram.com/) און [X (וואס פלעגט הייסן Twitter)](https://twitter.com/).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](https://www.governor.ny.gov/)